בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון
ע"ז

פרשת כי תבוא לאומאן
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פַּרְשַׁת וַיֵּרָא שְׁנַת תשפ"ד

## אַ טֶעגְלִיכֶע אַרְבֶּעט

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת וַיֵּרָא שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

### אַ טָאג טֶעגְלִיכֶע אַרְבֶּעט

אִיךְ ווִיל נָאכְאַמָאל מְחַזֵק זַיין דִי טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד.

מְלוּמְדוּת אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט; אַלֶע אַנְדֶערֶע סָארְט אַרְבֶּעט, קֶען מֶען זִיךְ עֶס אוֹיסְלֶערְנֶען אֵיין מָאל אוּן אוֹיסְשְׁטֶעלְן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי אַלֶעס זָאל צוּגֵיין, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶס בְּלַייבְּן פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע פוּפְצִיג יָאר, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אֵיינֶער וָואס אַרְבֶּעט אִין אַן אָפִיס, דַארְף עֶר זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען קָאמְפְּיוּטֶער, קְוִויקְבּוּקְס אוּן עֶקְסֶעל, אוּן מִיט דֶעם וֶועט עֶר אַרְבֶּעטְן אַלֶע יָארְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט אֵיינֶער וָואס אַרְבֶּעט אִין אַ וֶוערְהַאוּז, עֶר דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען זַיינֶע גוֹי'אִישֶׁע אַרְבֶּעטֶער ווִי אַזוֹי צוּ פַּאקְן בַּאקְסֶעס וְכַדוֹמֶה, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט עֶס אַזוֹי אָנְגֵיין פַאר לַאנְגֶע יָארְן.

אָבֶּער קִינְדֶער זֶענֶען אַנְדֶערְשׁ; קִינְדֶער זֶענֶען לֶעבֶּעדִיגֶע זַאכְן, רוּקֶעדִיגֶע זַאכְן, זֵיי ווִילְן נִישְׁט אַיינְזִיצְן אוּן זִיךְ נִישְׁט רִירְן, אַזוֹי ווִי מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אַלְס קִינְד, קוּמְט אוֹיס, אֲפִילוּ אַ מְלַמֵּד אָדֶער אַ טִיטְשֶׁער הָאט דָאס יָאר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, קוּמֶען אָבֶּער אַרַיין דֶעם קוּמֶענְדִיגֶע יָאר פְרִישֶׁע קִינְדֶער וָואס עֶר דַארְף פְרִישׁ אָנְהֵייבְּן צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט זֵיי, אוּן אֲפִילוּ אִינֶעם זֶעלְבְּן יָאר אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גְלַייךְ אֵיין טָאג מִיטְ'ן אַנְדֶערְן, אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד אָדֶער טִיטְשֶׁער הֶערְט אֵיין טָאג אוֹיף צוּ שְׁטֵיין אוֹיף 'דֶרֶךְ אֶרֶץ', עֶר זֶעט ווִי אַ קִינְד רֶעדְט אִינְמִיטְן פָארְלֶערְנֶען אָדֶער שִׁיקְט אַרוֹיף אַ צֶעטְל, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ זִיךְ צוּ וואוּסְנְדִיג מַאכְן, גֵייט עֶס נִישְׁט בְּלַייבְּן בַּיי דֶעם, מָארְגְן וֶועט עֶס גֵיין אֵיין שְׁטַאפְּל וַוייטֶער, בִּיז דִי קִינְדֶער וֶועלְן אִים אַרוֹיסְטְרָאגְן פוּן כִּתָּה...

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזֶען אַזַא זַאךְ; וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אִין אַן אַנְדֶערֶע מוֹסָד, אִיז אֵיין טָאג דֶער כִּתָּה ג' מְלַמֵּד נִישְׁט גֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר, אִיז דֶער מְנַהֵל אַרַיין אִין יֶענֶע כִּתָּה, אוּן דִי קְלֵיינֶע זִיבְּן יֶערִיגֶע קִינְדֶער הָאבְּן אִים אַרוֹיסְבַאגְלֵייט מִיט דֶעם נִיגוּן וָואס מֶען זִינְגְט בַּיי דִי חֻפּוֹת... דֶער מְנַהֵל אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער פְּרָאפֶעשְׁעֶנֶעל מְחַנֵךְ אוּן אֵיינֶער וָואס פַארְשְׁטֵיין צוּ קִינְדֶער, אוּן דִי קִינְדֶער הָאבְּן אִים אַרוֹיסְגֶעטְרָאגְן.

### דִי כִּתָּה אִיז מַיין אֵייגֶענֶע הוֹיז

מְלוּמְדוּת אִיז אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְצוּ אִיבֶּערְגֶעבְּן מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, אוּן מֶען מוּז זַיין צַייטְלִיךְ אִין כִּתָּה.

אַ מְלַמֵּד אוּן אַ טִיטְשֶׁער דַארְפְן אָנְקוּקְן זֵייעֶר כִּתָּה אַזוֹי ווִי עֶס וָואלְט גֶעוֶוען 'מַיין אֵייגֶענֶע הוֹיז', אַזוֹי ווִי מַיין שְׁלָאף שְׁטוּבּ אוּן מַיין דֵיינִינְג רוּם. אַז מֶען זֶעט דֶער גוֹי הָאט נֶעכְטְן נִישְׁט אוֹיפְגֶערוֹימְט דִי כִּתָּה, קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן: 'אַז דֶער גוֹי הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶערוֹימְט, וֶועט דִי כִּתָּה בְּלַייבְּן שְׁמוּצִיג', דָאס אִיז דָאךְ דַיין הוֹיז! אוֹיסֶער אוֹיבּ אִין דַיין הוֹיז טוּסְטוּ אוֹיךְ אַזוֹי... אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעוֶוען בַּיי אֵיינֶעם אִינְדֶערְהֵיים אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אוֹיף דֶער עֶרְד לִיגְן רוֹיעֶ צֶעקְרַאכְטֶע אֵייעֶר, פְרֶעג אִיךְ דֶעם אִינְגֶערְמַאן: "**וָואס גֵייט דָא פָאר?**" זָאגְט עֶר מִיר: "**דִי גוֹי'טֶע (עֲרֵלִית) וָואס רֵייניגְט דִי הוֹיז קוּמְט מָארְגְן, זִי וֶועט עֶס שׁוֹין אוֹיפְרוֹימֶען**", הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "**וָואס הֵייסְט דִי גוֹי'טֶע קוּמְט מָארְגְן?! עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, גֶעבּ מִיר אַ טִישׁוּ אוּן אִיךְ וֶועל עֶס אָפְּוִוישְׁן! עֶס זֶענֶען דָא זַאכְן וָואס מֶען קֶען נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז דִי גוֹי'טֶע קוּמְט, מֶען מוּז עֶס אַלֵיינְס טוּן, דִי גוֹי'טֶע קוּמְט אוֹיפְפְּרִישְׁן דִי הוֹיז, אָבֶּער צֶעקְרַאכְטֶע אֵייעֶר דַארְף מֶען אַלֵיינְס אוֹיפְוִוישְׁן**".

אַז אַ מְלַמֵּד קוּמְט אָן צוּפְרִי אִין חֵדֶר אוּן עֶר זֶעט ווִי זַיין כִּתָּה אִיז אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אָדֶער אַ לֶערֶערִין זֶעט ווִי אִיר כִּתָּה אִיז אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, וַוייל עֶס אִיז נֶעכְטְן גֶעוֶוען אַ חֲתוּנָה אִין דֶעם בִּנְיָן, קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן: "**אָקֶעי, הַיינְט וֶועט דִי כִּתָּה זַיין אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט**", עֶס אִיז מַיין דֵיינִינְג רוּם, עֶס אִיז מַיין שְׁלָאף שְׁטוּבּ, עֶס אִיז מַיין פְּלַאץ, אוּן אִיךְ וֶועל אַלֶעס מְסַדֵּר זַיין אַז עֶס זָאל דָא זַיין גֶעשְׁמַאק צוּ לֶערְנֶען.

קִינְדֶער שְׁפִּירְן אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד אָדֶער דִי טִיטְשֶׁער הָאט אַ גֶעפִיל צוּ דֶעם אַרְבֶּעט, אָדֶער עֶר קוּמְט בְּלוֹיז וַוייל עֶר מוּז קוּמֶען.

### אַן אַרְבֶּעט וָואס בְּלַייבְּט

דֶער שְׂכַר פוּן לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס.

אַז דוּ וֶועסְט גֵיין אַרְבֶּעטְן אִין אַן אָפִיס, וֶועט מֶען דִיר שֶׁענֶער בַּאצָאלְן; עֶס לוֹינְט נִישְׁט צוּ קוּמֶען אַרְבֶּעטְן אִין חֵדֶר צוּלִיבּ דָאס גֶעהַאלְט, וַוייל מֶען גֶעבְּט נִישְׁט ווִיפִיל מֶען וָואלְט גֶעדַארְפְט גֶעבְּן, בֶּאֱמֶת וָואלְט מֶען גֶעדַארְפְט גֶעבְּן פִיל מֶער, אָבֶּער מֶען שְׁפִּירְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע גוּטְן טַעַם: 'אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס גֶעטוּן אִין מַיין לֶעבְּן, אִיךְ הָאט עֶפֶּעס אוֹיפְגֶעטוּן, אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט אַ קִינְד, אִיךְ הָאבּ לִיבּ גֶעהַאט אַ קִינְד, אִיךְ הָאבּ אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אַז דִי כִּתָּה זָאל זִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען קֶעגְן אֵיין קִינְד, אִיךְ הָאבּ אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן מֶען זָאל זִיךְ שְׁפִּילְן בְּאַחְדוּת, וָואס דָאס וֶועט בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג'.

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען קֶעגְן אֵיין קִינְד

עֶס אִיז זֵייעֶר וויכְטִיג אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן אַזַא זַאךְ אַז אַ גַאנְצֶע כִּתָּה זָאל זִיךְ נֶעמֶען קֶעגְן אֵיין קִינְד, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וועלְן זַיין אַ חַבֵר מִיט דֶעם קִינְד.

וֶוען אַ קִינְד פִּירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וואוּיל אִין כִּתָּה, קֶען עֶס אַמָאל זַיין אַז דִי גַאנְצֶע כִּתָּה הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען קֶעגְן דֶעם קִינְד, אוּן קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים, דֶערְפַאר טוּט עֶר ווילְדֶע זַאכְן כְּדֵי דֶער מְלַמֵד זָאל כָאטְשׁ קוּקְן אוֹיף אִים.

## דֶער רֶבִּי בְּלַייבְּט נִישְׁט שׁוּלְדִיג

עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ הֶעלְפְן אִין חֵדֶר אוּן אִין בֵּית פִּיגַא מִיט וואס מֶען קֶען, מֶען דַארְף נָאר וויסְן פָּארְאוֹיס אַז עֶס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, עֶס אִיז אַ טָאג טֶעגְלִיכֶער אַרְבֶּעט, אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ הַיינְט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, ווייס אִיךְ נִישְׁט וואס גֵייט זַיין מָארְגְן, עֶס קֶען זַיין אַז מָארְגְן וֶועלְן דִי קִינְדֶער מִיךְ נִישְׁט וֶועלְן אוֹיסְהֶערְן, דִי קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ אוּנְטֶער לַאכְן אוּן אָרוּפְּשִׁיקְן צֶעטְלֶעךְ, גֶעדֶענְקְט אָבֶּער דִי צְוֵויי זַאכְן: אֵיינְס, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט 'שְׁלֶעכְטֶע קִינְדֶער', נָאר דָאס זֶענֶען קִינְדֶער, מִיר זֶענֶען דָאךְ אוֹיךְ אַמָאל גֶעוֶוען קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּנְזֶערֶע רֶבִּי"ס, צְווייטְנְס, עֶס לוֹינְט צוּ הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַּארְשְׁטֶעלְן וואס מֶען בַּאקוּמְט צוּרִיק וֶוען מֶען טוּט פַּאר'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; אִין דֶעם זְכוּת וֶועט אוּנְז דֶער רֶבִּי מְתַקֵן זַיין, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן דש): **"מָה אַתֶּם יְכוֹלִים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה?"** עֶטְץ קֶענְטְס אֲפִילוּ תְּשׁוּבָה טוּן? - ווי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ וואס הָאט מַכְשִׁיל גֶעוֶוען אַ צְווייטְן מִיט אַן עֲבֵירָה תְּשׁוּבָה טוּן? אֲפִילוּ עֶר וֶועט זָאגְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זַיי מִיר מוֹחֵל"**, הָאט עֶר דָאךְ מַכְשִׁיל גֶעוֶוען אַ צְווייטְן?! הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: **"רַק אֲנִי עוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה בִּשְׁבִילְכֶם"**, אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה פַּאר עֶנְק; **"אִיר דַארְפְט נָאר צוּ טְרָאגְן שְׁטֵיינֶער אוּן וואפְּנֶע אוּן אִיךְ בָּאוֶע דֶערְפוּן בִּנְיָנִים"** (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצג).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק בֶּענְטְשְׁן מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת, אָמֵן.

**נָאכ'ן שִׁיעוּר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף שְׁאֵלוֹת וואס לֶערֶערְנְס הָאבְּן אַרַיינְגֶעשִׁיקְט צוּ פְרֶעגְן.**

## וָואס טוּט מֶען אַז קִינְדֶער רֶעדְן אָדֶער עֶסְן אִינְמִיטְן פַּארְלֶערְנֶען?

**שְׁאֵלָה:** וָואס זָאל מֶען טוּן אַז עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס רֶעדְן אָדֶער עֶסְן בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט פָּאר?

**תְּשׁוּבָה:** מֶען דַארְף אֲוֶועקְשְׁטֶעלְן מִיט קְלָארֶע ווערְטֶער אַז מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן אָדֶער עֶסְן אִין כִּתָּה בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, אוּן אוֹיבּ מֶען זֶעט יָא אַ מֵיידְל רֶעדְן אָדֶער עֶסְן בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, דַארְף מֶען אָפְּשְׁטֶעלְן דִי כִּתָּה אוּן זָאגְן קְלָאר: **"מֶען קֶען נִישְׁט יֶעצְט עֶסְן"**, **"מֶען קֶען נִישְׁט יֶעצְט רֶעדְן"**.

עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ זָאגְן: **"אוֹיבּ אֵיינֶער וֶועט יָא עֶסְן וֶועל אִיךְ מוּזְן אֲוֶועקְנֶעמֶען דִי סְנֶעק"**.

## וויפִיל מָאל אַ טָאג דַארְפְן קִינְדֶער עֶסְן בְּרוֹיט?

**שְׁאֵלָה:** דִי קִינְדֶער דַארְפְן עֶסְן בְּרוֹיט סַיי בַּיי פְּרִישְׁטָאג אוּן סַיי בַּיי לַאנְטְשׁ, אָדֶער אִיז גֶענוּג אֵיין מָאל אַ טָאג?

**תְּשׁוּבָה:** קִינְדֶער דַארְפְן נִישְׁט עֶסְן בְּרוֹיט סַיי בַּיי פְּרִישְׁטִיג אוּן סַיי בַּיי לַאנְטְשׁ, עֶס אִיז גֶענוּג זִיךְ צוּ וַואשְׁן אֵיין מָאל אַ טָאג.

## מֶעג אַ לֶערֶערִין אִיבֶּערְבֶּעטְן אַ מֵיידְל?

**שְׁאֵלָה:** אַ טִיטְשֶׁער מֶעג אִיבֶּערְבֶּעטְן אַ קִינְד אוֹיבּ זִי הָאט גֶעמַאכְט אַ טָעוּת?

**תְּשׁוּבָה:** אַוַודַאי, עֶס אִיז וויכְטִיג אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן אַ קִינְד אוֹיבּ מֶען הָאט אִיר פַּארְגֶעהַאלְטְן אוֹיף אַ זַאךְ וָואס זִי הָאט נִישְׁט גֶעטוּן.

אִין יְשִׁיבָה אִיז דָא אַ כִּתָּה וואוּ דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר לֶערְנְט פָּאר פַאר דִי בָּחוּרִים, אֵיין טָאג הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען ווי אַ בָּחוּר שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט'ן טִיר פוּן דֶעם כִּתָּה, אוּן עֶס הָאט זִיךְ מִיר גֶעדַאכְט אַז דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר הַאלְט אִינְמִיטְן פַּארְלֶערְנֶען, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט צוּ דֶעם בָּחוּר זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג: **"נָאךְ אֵיינְמָאל אִיךְ וֶועל דִיךְ דָא זֶען שְׁטֵיין, וֶועסְטוּ כַאפְּן פוּן מִיר אַ גוּטֶע פַּאטְשׁ פַאר דִי חוּצְפָּה"**, נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ אַרַיין אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ לֶערְנֶען אוּן אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין יֶענֶע כִּתָּה פוּנֶעם בֵּית הַמִדְרָשׁ אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז דִי כִּתָּה אִיז לֵיידִיג, דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָארְט, בִּין אִיךְ צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם בָּחוּר אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: **"אַיימְסַארִי (אַנְטְשׁוּלְדִיגְט), אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דוּ שְׁטֶערְסְט דִי כִּתָּה"**, הָאט מִיר דֶער בָּחוּר גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גְלַייךְ פַּארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מֵיינְט אַז עֶר שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט'ן טִיר ווייל עֶר וויל זִיךְ שְׁלָאגְן מִיט'ן מַגִּיד שִׁיעוּר.

## וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס שְׁטֶעקְט אַרוֹיס דִי צִינְג?

**שְׁאֵלָה:** וָואס טוּט מֶען וֶוען אַ מֵיידְל שְׁטֶעקְט אַרוֹיס דִי צִינְג?

**תְּשׁוּבָה:** מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דָאס קִינְד: **"מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְשְׁטֶעקְן אַ צִינְג, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְשְׁטֶעקְן אַ צִינְג, וֶועט מֶען עֶפֶּעס מוּזְן לֵייגְן אוֹיף דַיין צִינְג"**.

## וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס קוּמְט אוֹיסְזָאגְן אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט אִיר?

**שְׁאֵלָה:** וָואס דַארְף מֶען טוּן וֶוען אַ מֵיידְל קוּמְט אוֹיסְזָאגְן אַז מֶען שְׁטוּיסְט אִיר אָדֶער מֶען טְשֶׁעפֶּעט אִיר?

**תְּשׁוּבָה:** עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אוֹיבּ מֶען שְׁטוּיסְט טַאקֶע, אָדֶער זִי חָלוֹמְ'ט נָאר אַז מֶען שְׁטוּיסְט אִיר; עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס רֶעדְן זִיךְ אַיין אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט זֵיי, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל גֶעהַאט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן קִינְדֶער וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט זֵיי. וֶוען אַ קִינְד קוּמְט אוֹיסְזָאגְן: **"יֶעדֶער טְשֶׁעפֶּעט מִיךְ"**, קֶען מֶען עֶס נִישְׁט גְלַייךְ אָפְּקוּקְן, עֶס קֶען זַיין אַז עֶס אִיז אַן אֵיינְרֶעדֶענִישׁ אִין אִיר קָאפּ, מֶען דַארְף עֶס מִיטְהַאלְטְן צוּ זֶען אוֹיבּ אִיז עֶס אֱמֶת.

אַ טִיטְשֶׁער אִין שְׁטֶעטְל הָאט מִיךְ גֶעפְרֶעגְט אִין אַ בְּרִיוו: וָואס זָאל אִיךְ טוּן וֶוען אַ קִינְד דֶערְצֵיילְט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע אוֹיסְגֶעטְרַאכְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, זִי אִיז דוּרְכְגֶעפָארְן אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען הֶענְגְט מֶענְטְשְׁן, אוּן זִי הָאט גֶעזֶען ווי מֶען הֶענְגְט מֶענְטְשְׁן אוּן מֶען הַרְגֶ'עט מֶענְטְשְׁן? אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען אִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן, אָבֶּער אַז אַ מֵיידְל הֵייבְּט אָן דֶערְצֵיילְן חֲלוֹמוֹת וָואס זִי טְרַאכְט, אוֹיבּ זָאגְט זִי חֲלוֹמוֹת פוּן בֵּיימֶער אוּן בְּלוּמֶען לָאז אִיר רֶעדְן, אָבֶּער אוֹיבּ זִי הֵייבְּט אָן רֶעדְן פוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, דַארְף מֶען אִיבֶּערְהַאקְן דֶעם שְׁמוּעֶס, עֶס אֲוֶועק דְרֵייעֶן מִיט חָכְמָה, אוּן אִיר זָאגְן: **"בַּאלְד וֶועט מֶען ווייטֶער הֶערְן"**.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט אַ קִינְד וָואס קוּמְט אוֹיסְזָאגְן: **"מֶען טְשֶׁעפֶּעט מִיךְ"**, **"מֶען שְׁטוּיסְט מִיךְ"**, דַארְף מֶען זֶען צִי עֶס אִיז אֱמֶת אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט אִיר אוּן מֶען שְׁטוּיסְט אִיר, אָדֶער עֶס אִיז נָאר אַ חָלוֹם.

אוֹיבּ מֶען זֶעט טַאקֶע ווי אַ קִינְד שְׁטוּיסְט,

# הֶמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פַּרְשַׁת וַיֵּרָא שְׁנַת תשפ״ד

דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ פוּן פִיזִיקְל טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵייטְן, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא אוֹיף דֶעם קַיין תֵּירוּץ אַז 'יֶענֶער הָאט מִיךְ קוֹדֶם גֶעשְׁטוֹיסְן', מֶען זָאגְט פַאר'ן קִינְד: **"עֶס גֵייט מִיךְ נִישְׁט אָן וָואס יֶענֶער הָאט דִיךְ קוֹדֶם גֶעטוּן, וֶועם אִיךְ זֶע שְׁלָאגְן אָדֶער שְׁטוֹיסְן וֶועט וֶוערְן בַּאשְׁטְרָאפְט"**.

בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים הָאבּ אִיךְ דָאךְ אַלְץ מַעֲשִׂיוֹת פוּן מַיינֶע קִינְדֶער וָואס קְרִיגְן זִיךְ, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָאךְ אַ נַאטוּר אַז בְּרִידֶער קְרִיגְן זִיךְ, זָאג אִיךְ זֵיי אַלְץ: **"אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט דִיךְ עֶפֶּעס גֶעטוּן, אִיז דָא אַ טַאטֶע מִיט אַ מַאמֶע וָואס דַארְפְן קֶעיר נֶעמֶען, אוֹיבּ אִיךְ זֶע דִיךְ שְׁלָאגְן, זָאל יֶענֶער דִיךְ פַארְדֶעם הָאבְּן גֶעטוּן סַאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע זַאךְ, וֶועל אִיךְ דִיךְ דַארְפְן בַּאשְׁטְרָאפְן"**. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט וֶוען אֵיינֶער שְׁטִיפְּט יֶענֶעם אַוֶועק בְּלוֹיז כְּדֵי זִיךְ צוּ בַּאהִיטְן אַז יֶענֶער זָאל אִים נִישְׁט קֶענֶען שְׁלָאגְן.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל, **"עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי, עֶס אִיז דָא אַ טִיטְשֶׁער, אִיךְ וֶועל קֶעיר נֶעמֶען, דוּ קֶענְסְט גָארְנִישְׁט צוּרִיק טוּן וֶוען אֵיינֶער טְשֶׁעפְּט דִיךְ"**.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶטְץ זָאלְסְט הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה אוּן סִיַּיעְתָּא דִּשְׁמַיָּא, אָמֵן.

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

## זָאל אִיךְ מִיטְנֶעמֶען מַיינֶע קִינְדֶער אוֹיף אוּמַאן טְרָאץ דִי נִסְיוֹנוֹת פוּן שְׁמִירַת עֵינַיִם אוֹיפְ'ן וֶועג?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

צוּם עֶרְשְׁט וִויל אִיךְ אַייךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף אַייעֶרֶע הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים וָואס הָאט גֶעמַאכְט אַ רִיזִיגֶע טוּישׁ אִין מַיין לֶעבְן, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יְשַׁלֵּם שְׂכָרְכֶם בְּכִפְלֵי כִּפְלַיִם.

אִיךְ פָאר שׁוֹין אַסַאךְ יָארְן אוֹיף אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אָבֶער אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט מִיטְגֶענוּמֶען מַיינֶע קִינְדֶער. אִיךְ הֶער אָבֶער בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז עֶס אִיז יָא וִויכְטִיג מִיטְצוּנֶעמֶען דִי קִינְדֶער אַהִין. מַיין שְׁאֵלָה אִיז, אַזוֹי וִוי מַיין שְׁטוּבּ וֶוערְט גֶעפִירְט אוֹיף אַ פְרוּמֶען אוֹפֶן, הֵן בְּנוֹגֵעַ זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן אַלֶע סָארְט מָאדֶערְנְקֵייטְן וָואס כַאפְּט זִיךְ אַרַיין, סְמַארְטְפָאוֹן אוּן וִוידִיאוֹ אִיז טְרֵיף פָּסוּל בַּיי מִיר אוּן שְׁטוּבּ, אוֹיךְ אִין דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וואוּ אִיךְ דַאוֶוען, אוּן אִין דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה וואוּ אִיךְ שִׁיק מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען רֻבָּם כְּכוּלָּם פוּן אַזֶעלְכֶע שְׁטוּבֶּער.

יֶעצְט וֶוען אִיךְ נֶעם מִיט מַיין זוּן פוּן עֶלְף יָאר קַיין אוּמַאן, אִיז תֵּיכֶּף בַּיים אָנְקוּמֶען צוּם עִירְפָּארְט וֶועט עֶר זֶען אַז מֶער פוּן רוֹב פוּן דִי אִידְן וָואס וַוארְטְן אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן אִין הַאנְט, אוּן בְּשַׁעַתְ'ן זִיצְן אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער וֶועט עֶר זֶען וִוי אִידְן קוּקְן וִוידִיאָס, אוּן בִּכְלַל דִי הַנְהָגָה אוּן דִי דִיבּוּרִים אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער פוּן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן קֶען זַיין מִיט לַייכְטְזִינִיגְקֵייט, אִיז וִוי אַזוֹי וֶועט עֶר אוֹיפְנֶעמֶען אַזַא זַאךְ, אַז יֶעצְט בְּשַׁעתְ'ן טוּן דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס אִיז שַׁייךְ, צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - זֶעט עֶר גָאר אַז אַזוֹיפִיל אִידְן וָואס פָארְן אוֹיךְ קַיין אוּמַאן, טוּעֶן אַזֶעלְכֶע סָארְט זַאכְן וָואס עֶר זֶעט נִישְׁט זַיין גַאנְצֶע לֶעבְן?

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז מֶען דַארְף דַן זַיין דִי אִידְן לְכַף זְכוּת, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז אַ דָאקְטֶער וָואס הֵיילְט אוֹיס סֵיי מִיךְ אוּן סֵיי זֵיי, אָבֶער אַ קִינְד וָואס דַארְף בִּכְלַל חִיזוּק אַוֶועקְצוּשְׁטֵיין פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע נִסְיוֹנוֹת הַדּוֹר, קֶען פוּן דֶעם קוּמֶען צוּ אַ מַסְקָנָא אַז מֶען קֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד צוּזַאמֶען מִיט דִי אַלֶע טְרֵיפָה'נֶע זַאכְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן אַוֶועק גֶעבְן פוּן אַייעֶר טֵייעֶרֶע צַייט

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט מְחַנֵּךְ דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן שְׁלֶעכְטְס; אַז מֶען אִיז מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער מִיט לִיבְּשַׁאפְט וֶועלְן זֵיי אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כט, יז): "יַסֵּר בִּנְךָ וִינִיחֶךָ, וְיִתֵּן מַעֲדַנִּים לְנַפְשֶׁךָ", אַז מֶען אִיז מְחַנֵּךְ קִינְדֶער אוֹיפְ'ן גוּטְן וֶועג וֶועלְן זֵיי נָאר בְּרֶענְגֶען נַחַת.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין אַז זֵיי זָאלְן לֶעבְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס זֵיי דַארְפְן זָאלְן זֵיי אִים בֶּעטְן; קִינְדֶער הָאבְּן אַ רֵיינְקֵייט אִין זִיךְ, בַּיי זֵיי אִיז דִי אֱמוּנָה קְלָאר אוּן לוֹיטֶער, דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין זֵיי זָאלְן לֶעבְן מִיט אֱמוּנָה; דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט וֶוען מֶען בֶּעט אִים, וֶועלְן זֵיי אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ בְּרֶענְגֶען דַיינֶע קִינְדֶער קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; עֶס אִיז בַּאוִוסְט דִי מַעֲשֶׂה אַז וֶוען רֶבִּי יוּדְל פוּן דַאשׁוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - אֵיינֶער פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן - אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן, הָאט זַיין זוּן אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט מִיט קוּמֶען, אָבֶער רֶבִּי יוּדְל הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶס וֶועט זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער פַארְ'ן קִינְד דִי שְׁוֶוערֶע וֶועג וְכוּ', אוֹיךְ הָאט אִים גֶעפֶעלְט גֶעלְט אוֹיף שְׁפֶּעזְן. לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אַלֵיינְס אָן זַיין זוּן; וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן שָׁלוֹם גֶעבְן הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ בִּין אַ וואוּנְדֶער; דֶער טַאטֶע קוּמְט צוּ מִיר - גְלֵייבְּט עֶר דָאךְ אִין מִיר, אוּן דֶער זוּן גְלֵייבְּט אוֹיךְ אִין מִיר, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הַאלְט דֶער טַאטֶע אָפּ דֶעם זוּן פוּן קוּמֶען צוּ מִיר"; עֶס הָאט גֶעבַּאדֶערְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט נִישְׁט מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט זַיין זוּן וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים מִיט דִי קִינְדֶער.

אַזוֹי פִירְן זִיךְ אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; מִיר פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט אַלֶע קִינְדֶער פוּן פַאר זֵיי וֶוערְן זִיבְּן יָאר. מִיר קוּקְן נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן מִיר בְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן אִין יֶעדֶע תְּקוּפָה קוּמֶען אַפִּיר אַנְדֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען דִי נִסָּיוֹן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין עֶסְן גֶעהֶערִיג, אָדֶער דִי בֶּעט אִיז נִישְׁט גֶעהֶערִיג, הָאבְּן מִיר דָאס צֶעבְּרָאכְן אוּן גֶעקוּמֶען אֲפִילוּ אָן עֶסְן אוּן אָן שְׁלָאפְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תד): "יָא עֶסְן - נִישְׁט עֶסְן, יָא שְׁלָאפְן - נִישְׁט שְׁלָאפְן, יָא דַאוֶוענֶען - נִישְׁט דַאוֶוענֶען, דֶער עִיקָר אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה"; אוּן אַזוֹי קוּמֶען

כְּסֵדֶר אָן פְּרִישֶׁע נִסְיוֹנוֹת, אָבֶּער מִיר פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אַז דוּ ווילְסְט גֶעבְּן אַ גוּטֶע חִינוּךְ פַאר דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ זֵיי מִיטְנֶעמֶען מִיט דִיר אוּן זֵיי מְחַנֵךְ זַיין אוּנְטֶערְוֶועגְנְס זֵיי זָאלְן הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ו', מִכְתָּב תקיז)

## מַאךְ מִיר פְּשׁוּט'עֶ זִיצְן אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער, נֶעבְּן מַיינֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי

קוֹדֶם כֹּל, אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר'ן מִיר מַאכְן טִיקֶעטְס צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַ בַּאזוּנְדֶערֶע יִישַׁר כֹּחַ פַאר'ן מִיר אוֹיסְבָּארְגְן; אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל דִיר שׁוֹין קֶענֶען בַּאצָאלְן.

אִיךְ קֶען נִישְׁט פָארְן אִין בִּיזְנֶעס קְלַאס פַאר צְוֵויי סִיבּוֹת, אֵיינְס, בְּעֶגֶער"ס קֶענ"ט בְּ"י טְשׁוּזֵ"י, אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעמְ'ס חֶשְׁבּוֹן - נֶעמֶען דִי טַייעֶרֶע, אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וֶועט וֶועלְן צָאלְן פַאר דֶעם - קֶען אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט; אִיךְ דַארְף זִיצְן נֶעבְּן מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ וויל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵייעֶר יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי זָאלְן נִישְׁט קוּקְן קֵיין מָאוּויס; אֵיין שְׁלֶעכְטֶע קוּק - קֶען זֵיי אָפְּהַרְגְ'עֶנֶען זֵייעֶר לֶעבְּן.

מַאךְ מִיר פְּשׁוּט'עֶ זִיצְן נֶעבְּן מַיינֶע קִינְדֶער, מַיינֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ אוֹיךְ קִינְדֶער; אִיךְ וויל אוֹיךְ זֵיי אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, אוֹיף זֵייעֶר יִרְאַת שָׁמַיִם.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת כי תבוא לאומאן תשפ"ב)

## וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט פָארְן קֵיין אוּמַאן, וָואלְט אִיךְ גֶעשִׁיקְט מַיינֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ, וֶועל אִיךְ דִיר זָאגְן וָואס אִיךְ וָואלְט גֶעטוּן אִין דַיין מַצָּב.

וֶוען אִיךְ קֶען וֶוען נִישְׁט פָארְן קֵיין אוּמַאן, זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - וָואלְט אִיךְ גֶעשִׁיקְט מַיינֶע קִינְדֶער צוּם רֶבִּי'ן. אִיךְ זָאג דִיר נִישְׁט וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן, אִיךְ זָאג דִיר וָואס אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעטוּן.

פָארְן קֵיין אוּמַאן אִיז נִישְׁט קֵיין שֵׁיינֶע זַאךְ, אַ מִנְהָג אָדֶער אַן עִנְיָן; פָארְן אוֹיף אוּמַאן זַיין בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה - אִין דֶעם אִיז תָּלוּי אַלֶעס, אִין דֶעם אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען דִי גְאוּלָה; דָאס אִיז תִּיקוּנִים וָואס מִיר הָאבְּן נִישְׁט קֵיין הַשָּׂגָה דֶערִין, אִיז דָאךְ נִישְׁט קֵיין פְרַאגֶע וָואס מֶען זָאל טוּן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, שְׁטַארְק זִיךְ מִיטְ'ן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת כי תבוא לאומאן תשפ"ב)

## גֵיין רֶעדְן אִין שׁוּלֶעס וָואס אִיז אֱלוּל אוּן וָואס אִיז תְּשׁוּבָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא לְאוּמַאן, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אַוַודַאי זָאלְט אִיר גֵיין רֶעדְן אִין שׁוּלֶעס וָואס אִיז אֱלוּל אוּן וָואס אִיז תְּשׁוּבָה; עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע זְכוּת פוּן רֶעדְן פַאר מֵיידְלֶעךְ אִין סְקוּלְס, זֵיי וַוייזְן דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּ אוּנְז אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן ווִי גוּט אִיז צוּ גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה.

מֶען שְׁרֶעקְט צוּפִיל אָן דִי קִינְדֶער, בִּפְרַט אֱלוּל וַוארְפְט מֶען אַ פַּחַד, אוּן קְלֵיינֶע מוֹחוֹת קֶענֶען עֶס אָנְנֶעמֶען נִישְׁט רִיכְטִיג, אוּן עֶס קֶען זַיין אַמָאל אַז מֶען וֶוערְט שְׁטַארְק דֶערְשְׁרָאקְן אוּן מְיוּאָשׁ; מֶען דַארְף רֶעדְן פוּן דִי רַחֲמָנוּת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּ אוּנְז, ווִי שְׁטַארְק לִיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אוּן ווִי חָשׁוּב עֶס אִיז אֲפִילוּ נָאר אַ גוּטֶע ווִילְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

(קונטרס עצתו אמונה יום טוב סוכות תשפ"ד)

חִינוּךְ אַפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876